וישלח תשפ"ב
גליון 68

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייַערע קינדער זאָלט איר מוֹדִיעַ זיין וואס דאָ האָט זיך גיטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײַנער קוואַל

**אַ גוּטן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פאַר אַלֶע טַייַערע קינדער**

די הייליגע תּוֹרה דערציילט אונז אַז נאָכדעם וואס יַעֲקֹב און עֵשָׂו האָבן זיך געטראָפן, איז יַעֲקֹב אַריבער דעם טייך יַבֹּק און אַריבערגעפירט זיין גאַנצע מִשְׁפָּחָה מיט די פאַרמעגן אַריבער דעם טייך פאַרגעסנדיג דאָרט קליינע קריגעלעך, יַעֲקֹב אָבִינוּ גייט צוריק זיי נעמען.

עס איז אינמיטן נאַכט, יַעֲקֹב אָבִינוּ געפינט זיך דאָרט אַליין אינעם שטאָק פינסטער, פּלוּצלינג קומט אים אַנטקעגן אַ מַלְאָךְ פון עֵשָׂו, ער קוקט אויס ווי אַ מענטש און הייבט זיך אָן צו שלאָגן מיט יַעֲקֹב.

דער מַלְאָךְ מיט יַעֲקֹב האָבן זיך אַזוֹי געשלאָגן, בּיז דער מַלְאָךְ האָט געזען אַז ער קען נישט בּייקומען יַעֲקֹב, האָט ער אים אָנגערירט בּיים קנעכל פון די פיס און יַעֲקֹב איז געוואָרן הינקעדיג, אָבער יַעֲקֹב מיט זיין גרויסן כֹּחַ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט בּיז דער מַלְאָךְ האָט זיך געבעטן צו אים "לאָמיר שוין גיין, ס'איז שוין פאַרטאָגס, איך דאַרף גיין זינגען שירה". "איך לאָז דיר נישט אָפּ, בּיז דו וועסט מיר בענטשן!" האָט יַעֲקֹב געענטפערט: האָט אים דער מַלְאָךְ געבענטשט און יַעֲקֹב האָט אים אָפּגעלאָזט.

ר' נָתָן טייטשט די גאַנצע פּרשה אַז די מִלְחָמָה צווישן יַעֲקֹב מיטן שַׂר של עֵשָׂו איז געווען אַז דער שַׂר פון עֵשָׂו האָט געוואָלט פאַרלענגערן דעם גָלוּת, מען זאָל מער קיינמאָל נישט קענען אַרויסגיין פון גָלוּת חַס וְשָׁלוֹם. וויבאַלד דער זְמַן פון די גְאוּלָה איז פאַרהוילן האָט ער געטראַכט אַז ער וועט זיך שטאַרקן אַנטקעגן די אידישע קינדער בִּכְלָלִיוּת און בִּפְרָטִיּוּת קעגן יעדן איד בּאַזונדער.

דערפאַר האָט ער זיך געשלאָגן מיט יַעֲקֹב וואס פון אים הייבט זיך אָן דער עִיקָר קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל. וואס איז די עִיקָר קְדוּשָׁה? זאָגט דער רֶבִּי אויף עטליכע פּלעצער אַז דאָס איז "שִׂמְחָה" אַזוֹי ווי דער פָּסוּק זאָגט: "יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל".

די גאַנצע מִלְחָמָה פון עֵשָׂו קעגן יַעֲקֹב איז געווען אויף דעם פּינטעלע, "שִׂמְחָה..." ווען דער מַלְאַךְ האָט געזען אַז ער קען נישט בּייקומען און שעדיגן יַעֲקֹב וואס איז געווען גאר הייליג און אָפּגעהיטן בִּקְדֻשָּׁה, האָט ער אים אָנגערירט אין די פיס, זאָגט אויף דעם דער מִדְרָשׁ אַז דאָס ווייזט אויף די לעצטערע דוֹרוֹת, עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא, דאָרט האָט דער מַלְאָךְ זיך געוואָלט פאַרלייגן, אָבער יַעֲקֹב האָט זיך קעגן געשטעלט ווייל ער האָט געוואָלט אויף די לעצטע דוֹרוֹת אַרויסראַטעווען פון עֵשָׂו'ס פויסט.




דער מַלְאַךְ רופט זיך אָן צו יַעֲקֹב: "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר" טייטש ר' נָתָן אַז נאָכדעם וואס דער מַלְאָךְ האָט אָפּגעטון דאָס זייניגע און שווער געמאַכט פאַר'ן לעצטן דוֹר מיט עַצְבוּת און ביטערע גָלוּת־פּיין האָט ער זיך געוואָלט אָפּטון פון יַעֲקֹב, עס איז דאַן געווען פאַרטאָגס ווען אידישע קינדער כאַפּן די צִיצִית מיט תְּפִלִּין מיט זְרִיזוּת און פְרייד, מען זאָגט די פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה - וואס מיט דעם איז מען מַעֲלָה אַלע נִיצוֹצִין פון די קְלִפּוֹת - זאָגט דער מַלְאָךְ: שַׁלְּחֵנִי! איך דאַרף גיין זאָגן שִׁירָה בְּשִׂמְחָה ווייל דאָס איז די גאַנצע חִיוּת פון אַ מַלְאָךְ צו זינגען שִׁירוֹת

המשך אויף זייט 4

# הֶחָסִיד ר' שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ"ל

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ לַאנְגֶע רַייזֶע אוֹיפְן שִׁיף אִיז דֶער בָּחוּר שְׁלֹמֹה וועקְסְלֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט פוּן הֵיילִיגְן לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן וֶוען דִי טֶערְקְן הָאבְּן גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּער'ן לַאנְד, וֶוען שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז אַרָאפּ פוּן שִׁיף הָאבְּן אִים דִי טֶערְקִישֶׁע סָאלְדַאטְן גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט עֶר קוּמְט, וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר מֶעג זִיךְ פַארְזוֹימֶען אִין לַאנְד נִישְׁט מֶער וִוי עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים...

וִוי נָאר ר' שְׁלֹמֹה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים גֶעצוֹיגְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, דִי קֶענִיגְלִיכֶע הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּנֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים. דִי עֶרְלִיכֶע קְלוּגֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן בַּאלְד אָנְגֶעזֶען אוֹיף דֶעם בָּחוּר וָואס אִיז נָארְוָואס אָנְגֶעקוּמֶען פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, זַיין מוֹרָא'דִיגֶע עֶרְלִיכְקֵייט בִּפְרָט זַיין אָפְּגֶעהִיטְנְקַייט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, נִישְׁט צוּ אַרוֹיסְקוּקְן מֶער פוּן פִיר אַמּוֹת גֵייעֶנְדִיג אִין גַאס, דֶערִיבֶּער פְלֶעגְן זֵיי אִים אָנְרוּפְן 'דֶער פְרוּמֶער בָּחוּר פוּן דַייטְשְׁלַאנְד...' אוּן הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים אַלֶעס פַארְזָארְגְט, בִּפְרָט דֶער גָאוֹן ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף שְׁלֶעזִינְגֶער זַצַ"ל דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן סֵפֶר "לֵב הָעִבְרִי" וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן ר' שְׁלֹמֹה אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ בֶּן בַּיִת, וִוי זַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד.

ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף זַצַ"ל הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער בָּחוּר שְׁלֹמֶה'לֶע דְרֵייט זִיךְ כְּסֵדֶר אַרוּם מִיט אַ "לִקּוּטֵי עֵצוֹת", דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאקַאנְט פַאר ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בָּקִי אִין אַלֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וִוי מֶען זֶעט אִין זַיין סֵפֶר וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פִיל מְקוֹרוֹת פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן סִפְרֵי ר' נָתָן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער גָאוֹן אֵיין טָאג צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם יוּנְגְן שְׁלֹמֹה אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דֶער סֵפֶר וָואס דוּ הַאלְסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי דִיר?" הָאט אִים ר' שְׁלֹמֹה דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם סֵפֶר אוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר הָאט גֶעמַאכְט פוּן אִים, הָאט אִים דֶער גָאוֹן בַּאלְד דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ פִיל סְפָרִים פוּן אָט דֶעם צַדִּיק, ר' שְׁלֹמֹה הָאט זִיךְ גָאר גֶעפְרֵייט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען, הָאט אִים ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף זַצַ"ל גֶעפִירְט צוּ דִי סְפָרִים שַׁאפֶע אִין זַיין שְׁטוּב אוּן אִים גֶעוִויזְן אַלֶע לִיכְטִיגֶע סִפְרֵי רַבֵּנוּ וְתַלְמִידָיו, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם נָאךְ אַפָּאר בְּרֶסְלֶב'ֶער חֲסִידִים, וָואס לֶערְנֶען דִי סְפָרִים אוּן פִירְן אוֹיס דִי אַלֶע עֵצוֹת.



טערקישע זעלנער אין ירושלים

דִי שִׂמְחָה פוּן שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז גֶעוֶוען אָן קֵיין בְּרֶעג, אָט הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָאס וָואס זַיין הַארְץ בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּיתִיהָ, דָא אִיז מַיין פְּלַאץ! דָא וִויל אִיךְ בְּלַייבְּן!

אָבֶּער וָואס טוּט מֶען מִיט'ן טֶערְקִישְׁן גֶעזֶעץ? נָאךְ אַפָּאר מָאנַאטְן דַארְף עֶר שׁוֹין אַוֶועק פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? מִיט'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הָאט ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף גֶעטְרָאפְן פַאר אִים אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, דִי טָאכְטֶער פוּן ר' מָאנִישׁ שֵׁיינְבֶּערְגֶער זַצַ"ל, פוּן יְרוּשָׁלַיִם, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ זְכוּת צוּ נֶעמֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער דֶער פְרוּמֶער בָּחוּר פוּן דַייטְשְׁלַאנְד... אַזוֹי אַרוּם הָאט שׁוֹין ר' שְׁלֹמֹה גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם וַוייל דֶער גֶעזֶעץ הָאט עֶרְלוֹיבְּט צוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַלֶעמָאל, אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ דָארְטִיגֶער בִּירְגֶער.

ר' שְׁלֹמֹה מִיט זַיין אֵשֶׁת חַיִל הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין בָּתֵּי מַחֲסֶה, נָאנְט צוּם מְקוֹם הַמִּקְדָּשׁ אוּן דֶער כֹּתֶל הַמַּעֲרָבִי. דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעוואוֹינְט פוּפְצִיג יָאר, בִּיז וֶוען אַלְט שְׁטָאט אִיז אַיינְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי יַרְדֶנ'ישֶׁע אַרַאבֶּער.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

# מַיין
# מַעֲשֶׂה'לֶע

**פארזעצונג פון פריער**

דִי גֶעגְנְט וואו אִיךְ הָאבּ גֶעוואוֹינְט אִיז כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ע אִינְגְלֶעך אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער עֶלְצְטֶער פוּן אַלֶע קִינְדֶער דֶערִיבֶּער פְּלֶעגְט מַיין טַאטֶע רוֹב שַׁבָּתִים נִישְׁט דַאוְוענֶען אִין קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ע שׁוּל, שַׁבָּת מְבָרְכִים פְּלֶעגְט עֶר יָא צוּמָאל גֵיין קֵיין בְּרֶסְלֶב. עֶס לִיגְט מִיךְ נָאךְ אִין דִי בֵּיינֶער דִי דִיבּוּרִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, דִי פְּשׁוּטֶע דִיבּוּרִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיבֶּעריִגֶע אִיז גָארְנִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט! מִיר דַארְפְן אוֹיסְלַאכְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט. אִיךְ בִּין נָאךְ בִּיז הַיינְט דַאנְקְבַּאר פַאר מַיין טַאטְן וָואס הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן נָאר זִיצְן מִיט אַלֶע טַאטֶעס בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, טְרַאצְדֶעם וָואס רוֹב תּוֹרוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט מַיין הַארְץ אָבֶּער יָא פַארְשְׁטַאנֶען, אִין מַיין מֹחַ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַייְנְגֶעקְרִיצְט דִי זִכָּרוֹן עָלְמָא דְאָתִי, דֶער תַּכְלִית וָואס מִיר זוֹכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַלְס אִינְגְל פוּן נַיין יָאר פְּלֶעגְט מַיין טַאטֶע מִיט מִיר לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, רוֹב תּוֹרוֹת וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ הַיינְט, אִיז אַ דַאנְק דָאס חַבְרוּתָא'שַׁאפְט מִיט מַיין חָשׁוּבְ'ן טַאטְ'ן. (יִישַׁר כֹּחַ טַאטִי! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל אַלְץ קִינְד דִיךְ צוּ בַּאדַאנְקְן!)

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס ר' יִצְחָק בְּרֶייטֶער הי"ד הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם בְּרִיוו אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס שְׁרַייבְּט דָאס פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער, מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְן טָאג פְּלֶעג אִיךְ לֵייְנֶען דֶעם בְּרִיוו 'הִתְעוֹרְרוּת לְהִתְבּוֹדְדוּת' אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַייפֶּערַייטֶער (שְׁרַייבּ-



מַאשִׁין), הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעקְלַאפְּט דֶעם בְּרִיוו אוֹיף אַ פַּאפִּיר אוּן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף מַיין טִיר. אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֵיינְט דָאס וָואס ר' יִצְחָק בְּרֶייטֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער 'בִּרְשׁוּת רַבָּךְ' וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט מַמָּשׁ וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיין רֶעדְט צוּ מִיר אִין דֶעם בְּרִיוו...

דִי שִׁיר יְדִידוּת פוּן ר' יִצְחָק בְּרֶייטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעקְלַאפְּט. אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם נִיגוּן, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעזוּנְגֶען וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע.

אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, מֵאָה שְׁעָרִים. דִי אַלְטֶע סָארְט בִּילְדֶער פְּלֶעגְן אִין מִיר עֲרֶוועקְן אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי אַמָאלִיגֶע לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער, דִי פָּשׁוּטְ'קֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, אַ לֶעבְּן פוּן שִׂמְחָה, מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט... דִי הַייזֶער מִיט דִי שְׁטוּבֶּער...

נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה בִּין אִיךְ אַרַיין לֶערְנֶען אִין וִויעֶנֶער יְשִׁיבָה. דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה הָרַב טוֹסִיג פְּלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן פוּן דִי יְרוּשַׁלַיְמֶ'ער אִידְן, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ רֶעדְן אוֹיךְ פוּן דִי עֶלְטֶערֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי ר' יוֹנָה לֶעבֶּל זַ"ל אוּן נָאךְ. עֶר פְּלֶעגְט פַארְצֵיילְן פוּן זֵייעֶרֶע דַאוְוענֶען, דִי טְרֶערְן בַּיים שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, זֵייעֶרֶע שְׁמִירַת עֵינַיִם א.א.וו. מִיר זֶענֶען אָוועקְגֶעשְׁווּימֶען פוּן בְּרוּקְלִין עֶרְגֶעץ וואוּ צוּ אֵיינֶע פוּן דִי גֶעסַאלַאךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם...



דָאס הָאט אוֹיף מִיר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רֹשֶׁם צוּ אָפְּלַאכְן פוּן דִי נַארִישֶׁע מְדִינָה וָואס לוֹיפְט נָאךְ תַּאֲווֹת מָמוֹן, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ פַּאקְטִישׁ גֶעטְרַאטְן אוֹיף דִי גָאלְדֶענֶע עֶרְד וָואס בְּרֶענְגְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה (עַפְרוֹת זָהָב, תּוֹרָה כ"ג) הָאבְּן מַיינֶע פִיס זִיךְ גֶעהוֹיבְּן אִין דִי לוּפְטְן הֶעכֶער דִי אַטְמָאסְפֶערֶע פוּן דִי בְּרוּקְלִינֶער גַאסְן. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ זַיין מַחֲשָׁבָה גֶעפִינְט זִיךְ (בַּעַל שֵׁם טוֹב).



לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די עלעפטע מעשה (2)
## דער בן המלך און בן השפחה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**
**1-518-329-9149**

**א. וואס האט דער קעניג געטאן ווען ער האט געהערט מענטשן שמועסן אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ ער האט זיי געווארנט אז ער וועט זיי פארשיקן
- ❑ ער האט זיך זייער געשעמט
- ❑ ער האט זיי געשטראפט און געפייניקט

**ב. וואס איז געווען פאר די שיינע ארט ווי דער קעניג איז געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ א טייך וואסער
- ❑ א מקוה
- ❑ א פעלד מיט זיסע פרוכט

**ג. וואס האט דער קעניג דארט געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין טייך
- ❑ ער האט געפאנגען חיות
- ❑ ער האט חרטה געהאט אויף די עבירה אז ער האט פארטריבן דער אמת'ער בן המלך

**ד. וואס האט דער קעניג און די שרים נאכדעם געטוהן?**
- ❑ זיי האבן ווייטער שפאצירט
- ❑ זיי זענען אהיים
- ❑ זיי זענען געבליבן דארט אויף דעם פלאץ

**ה. וואס האט דער קעניג געטוהן נאכדעם וואס ער איז אהיים?**
- ❑ ער האט זיך געפארעט אין זיינע זאכן און פארגעסן פון די חרטה
- ❑ ער האט נישט אויפגעהערט טראכטן פון די חרטה
- ❑ ער האט אן געכאפט די קעניגרייך מיט שטארקייט

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ווען ער איז אמאל אליין געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ אויסגענוצט זיינע געלט
- ❑ ער האט זיך גע'טובל'ט אין א טייך וואסער
- ❑ ער האט זיך צוגעלייגט

**ז. וואס נאך האט זיך דארט געטוהן מיט אים?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן האבן גרויס צער און חרטה אויף זיינע מעשים רעים
- ❑ ער האט זיך נאכאמאל גענומען צום טרונק
- ❑ ער האט דארט גערעדט מיט א חבר

**ח. וואס האט זיך געטוהן מיט אים ווען ער איז צוריק אהיים?**
- ❑ ער האט תשובה געטוהן און אפגעלאזט זיינע שלעכטע מעשים
- ❑ ער האט זיך ווייטער גענומען צום טרונק
- ❑ ער האט געזוכט א צדיק וואס זאל אים ארויס נעמען פון שאול תחתית

**ט. וואס האט ער זיך נאכדעם גע'חלום'ט?**
- ❑ ווי ער ווערט קעניג איבער די וועלט
- ❑ ער זאל גיין צו עפעס א יריד און אננעמען די ערשטע פארדינסט
- ❑ אז דער אמת'ער בן השפחה האט חרטה אז ער האט אים פארשיקט

**י. וועמען האט ער באגעגנט ביים יריד?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א קנעכט
- ❑ א סוחר

**יא. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ביים סוחר?**
- ❑ געטריבן זיינע בהמות
- ❑ ער האט אים באדינט
- ❑ ער האט געפירט זיין פערד

**יב. וואס האט פאסירט מיט'ן אמת'ער בן המלך ווען ער איז אנגעקומען צום וואלד?**
- ❑ צווי בהמות האבן פארבלאנדזעט אין וואלד
- ❑ ער האט זיך דערמאנט זיין חרטה אויף זיינע עבירות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך נאכדעם געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געלייגט שלאפן
- ❑ ער איז נאכגעלאפן די בהמות אין געדיכטן וואלד
- ❑ ער האט זיך באהאלטן אין א גרוב

**יד. פארוואס האט ער מוראגעהאט פונעם סוחר, אז ער וועט אים הרג'נען, אויב וועט ער קומען אן די בהמות?**
- ❑ ווייל דער סוחר האט אים אזוי אנגעווארענט
- ❑ ווייל עס האט זיך אים אזוי געדאכט
- ❑ ווייל ער האט זיך אזוי גע'חלום'ט

**טו. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ וואס עס פאסירט אויב מען גלייבט נישט אז מ'איז די אמת'ער בן המלך
- ❑ אז מ'דארף חרטה האבן אויף שלעכטע זאכן
- ❑ ______________________________.

## ריינער קוואל, המשך

וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשִׂמְחָה.

לַיידֶער זֶענֶען פַּארְהַאן מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אוּנְז קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מִיט אַ טַעֲנָה פוּן מָה אֱנוֹשׁ.. "דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַיינְגֶעטוּנְקְן אִין אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק עַצְבוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְד צוּ זָאגְן שִׁירָה!" טַעֲנֶה'ן דִי מַלְאָכִים: וָואס דִי מַלְאָכִים וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז אַדְּרַבָּה, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר לוֹיבּ פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶע מִצְוָה פוּן דֶעם טְרוֹיעֶרִיגֶע וֶועלְט.. וֶוען מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ'ן כֹּחַ הַצַּדִּיק צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן טְרוֹיעֶר צוּ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן.

זָאגְט אִים יַעֲקֹב: "דוּ ווִילְסְט זִיךְ גֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל זָאגְן שִׁירָה, אוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִילְסְטוּ אַרַיינְוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין צַעַר יָגוֹן וַאֲנָחָה; יֶעצְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט שִׂמְחָה ווִילְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן?" נֵיין! יַעֲקֹב כַאפְּט אִים אָן אוּן זָאגְט אִים: " אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט גֵיין, פַאר דוּ גֶעבְּסְט זֵיי אַ בְּרָכָה" וַוייל אַ בְּרָכָה קוּמְט פוּן שִׂמְחָה, יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן דִי יָגוֹן וַאֲנָחָה אִין שִׂמְחָה אַרַיין, דֶער שְׁטִיק עֵשָׂו זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ וֶוערְן אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי אִידְן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי גוֹיִם אַלֵיין קוּמֶען אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי אִידְן.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וֶועלְן אַיינְזֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

(ליקוטי הלכות הודאה ו')